# עזר לישיבות

א רעטונג פאר
די בחורישע וועלט




**מוסד עזר לישיבות** שע"י **מפעלות חיים וחסד**
יו"ר הרב זעליג מענדלאוויטש שליט"א

# פארוואס דארף מען עלה לישיבות?

## א בחור אן קיין ישיבה; איז פשט קיין בחור!

דער ווייטאגליכע פאקט איז אז פילע הונדערטער בחורים אין מאנסי און בארא פארק זענען אויסגעשטעלט צו בלייבן אויפ'ן גאס, ווי איידער אנקומען אין ישיבה. פארוואס? ווייל ס'זענען פאראן פילע פילע ישיבות וואס מאכן שוועריגקייטן אנצונעמען געוויסע בחורים וועלכע זענען נישט קיין מצויינים, מחמת איזה סיבה שהוא. אלזא א בחור וואס האט בר מצוה געהאט און גייט ארויף פון תלמוד תורה צו ישיבה טרעפט זיך אז די ישיבות זענען שוין פול, אדער נעמען אן בלויז מצויינים, און ער בלייבט אויפן גאס!...

עלה לישיבות פארליכערט בס"ד

**יעדער בחור קומט אן צו זיין ריכטיגע פאסיגע ישיבה!**

## א בחור וואס פאלט ארויס פון ישיבה סיסטעם; פאלט אריין אין שאול תחתית רח"ל!

זייער אסאך בחורים קענען ארויספאלן פונעם ישיבה סיסטעם. ער פילט זיך נישט מוצלח; ער דארף הילף; ער איז נישט מצליח צו שטייגן. אלזא גיבט ער ח"ו אויף, ער פאלט ארויס פון ישיבה, און גייט מדחי אל דחי אויפן וועג אראפ צום שאול תחתית רח"ל.

עלה לישיבות פארליכערט בס"ד

**יעדער בחור בלייבט בין כותלי הישיבה, מיט די ריכטיגע הילף צו שטייגן.**

## א בחור וואס מ'ווארפט ארויס פון ישיבה; ווערט ח"ו פארווארפן פוןביידע וועלטן!

בחורים ערהאלטן 'לא נתקבל' פונעם ישיבה. ס'האט גוטע סיבות; 'ער קען נישט זיין בין כותלי הישיבה'; 'דער בחור איז חרוב און מאכט חרוב אנדערע'. אבער וואס גייט זיין די תכלית פון אים און זיינע דורות?? וואס טאקע קען מען טוהן צו ערפילן ער זאל קענען ווערן נתקבל??

עלה לישיבות פארליכערט בס"ד

**יעדער בחור האט די ריכטיגע באגלייטונג צו קענען ווערן נתקבל!**

## א בחור וואס גייט דורך נפשיות'דיגע ראנגעלענישן; ראנגעלט זיך בין חיים למות רח"ל!

ער איז אין ישיבה, אבער עס איז עולם חשוך בעדו, ער ווייסט נישט וואו זיך אהינצוטוהן נאר דער בורא עולם ווייסט וואס ער גייט אדורך. 'הצילה את נפשי!' שרייט ער אונטערן דאכענע! אבער צו וועמען ווענדט ער זיך?? ווער קען אים מדריך זיין??

עלה לישיבות פארליכערט בס"ד

**יעדער בחור וואס דארף הדרכה און הילף; באקומט דאס ריכטיגע!**

עלה לישיבות אין איין ווארט:

**יעדער בחור זאל שטייגן אין ישיבה; אנשטאט זינקען אויפ'ן גאס!**



וואס טוט

# עזר לישיבות?

שפאצירט און שטוינט!



**כאפט א קורצע אינפארמאטיווע שפאציר אריין בין כותלי עזר לישיבות**

ווערט געוואויר שטוינענדע פאקטן וואס טוט זיך מאחורי אלפי בחורי הישיבות

## 1 אין וועלכע ישיבה באלאנגט מיין בחור??
## וויאזוי ווערט ער דארט אנגענומען??



עזר לתלמידי הישיבות

# גיידענס און הילף אנצוקומען אין ישיבות

הונדערטער עלטערן ווענדן זיך יערליך צו עזר לישיבות און פרעגן אן "אין וועלכע ישיבה איז פאסיג פאר מיין בר מצוה בחור'ל אריינצוגיין לערנען?", "וואו גייט ער אויסשטייגן די בעסטע לויט זיינע כשרונות?"

**ספעציעלע דעזיגנירטע מומחים גייען איבער יעדן איינציגן בחור. מ'לייגט אריין שעות חוקר ודורש צו זיין זיינע אינפארמאציע. ביז מ'קומט צו צו א קלארע החלטה וואו עס איז דאס מערסטע געאייגט פאר אים צו לערנען.**

און אויב די ישיבה שיקט א לא נתקבל? דאן מיט ראט און טאט; מיט כל מיני עצות ותחבולות; מיט קשרים און פארהאנדלונגען; און מיט אונטערערדישע שליסלען, פאראַרבעט מען מעשים וכל טצדקי שבעולם ביז דער בחור קומט אן צו זיין ריכטיגע אדרעס.

**די ריכטיגע שליסלען צו די ריכטיגע ישיבה, פאר זיין ריכטיגע עתיד!**

## 2

### מיין בחור דארף פריוואטע-באצאלטע-חברותות. וויאזוי ווייס איך וואס ער דארף? וויאזוי טרעף איך די פאסיגע אינגעלייט?

מפעל ללמוד וללמד

# צושטעלן אינגעלייט-חברותות פאר בחורים



פארשידענע בחורים קענען זיך נישט איינגלידערן אליינס אינעם ישיבה סיסטעם, נאר אויב זיי האבן באצאלטע אינגעלייט חברותות וואס לערנען מיט מיט זיי, ביי יעדן סדר.

**עזר לישיבות גייט דורך יעדן בחור, וואס זיין שוואכקייט איז; וואס זיין מהלך וועט זיין; ווער וועט זיין די מערסטע פאסיג פאר אים. מען זוכט אפיר פאסיגע אינגעלייט מומחים, און מען באגלייט די אינגערמאן מיט'ן בחור אז זיי לערנען טאקע און שטייגן מעלה מעלה.**

**די ריכטיגע צולערנער, צו לערנען מיט אים און אויסלערנען פאר'ן לעבן!**

## 3

### מיין בחור דארף מער ווי בלויז א חברותא-אינגערמאן; ער דארף האבן א 'מענטאר' וואס באגלייט אים אין ישיבה. צו וועמען ווענד איך זיך? ווער ווייסט וואס ער דארף? ווער קען דאס צושטעלן?

מפעל ללמוד וללמד

# צושטעלן מענטאָרינג באגלייטונג-הילף



פילע בחורים גייען דורך שווערע ראנגלענישן אין זייער בחורישע וועלט. ער וויל בלייבן בין כותלי הישיבה. אבער ער טרעפט זיך נישט דאס ארט, נישט אין ישיבה, און נישט מיט זיך אליינס...

**ער דארף נישט א אינגערמאן בלויז אלס 'חברותא' צו לערנען. ער דארף האבן באגלייטונג-הילף אין ישיבה; א ווארימע הארץ וואס קען זיך אראפלאזן צו אים; שמועסן, אויסהערן, אויפקלערן, און אריינבלאזן אביסל חיות; עפענען אביסל די מוח; און אריינגיבן השקפה וחיזוק.**

עזר לישיבות מאכט די ריכטיגע 'עוועליעישאן' געגוי וואס יעדער בחור דארף האבן, און מען פאסט צו פאר יעדן איינעם א היימישער אינגערמאן זאל זיין זיין 'מענטאר', אים צו באגלייטן בין כותלי הישיבה מיט ווארעמקייט על כל צעד ושעל.

**מיט א ווארימע באגלייטער קען מען אפראטעווען זיין עתיד!**

## 4

### זיין חברותא-אינגערמאן קאסט טייער. זיין מענטאר קאסט א געוואלד.
### ווער באצאלט עס? כסף מנלן?



מפעל נפש ישראל

# חברותות און מענטאָרינג
# קעיסעס-פאַנדינג

עזר לישיבות איז נישט בלויז דא צוצוהעלפן און גיין ווייטער. עזר לישיבות מאכט זיכער אז גארנישט זאל נישט פעלן.

**און וואס טוט א טאטע וואס קען נישט באצאלן די הויכע קאסטן פון זיין בחור וואס דארף דרינגענד אן 'אינגערמאן-חברותא' אדער גאר א 'מענטאר' אים צו באגלייטן ער זאל שטייגן? זאל ער אויפגיבן? זאל ער עס לאזן לויפן? ניין! עזר לישיבות בלייבט מיט אים. און אז ס'נישטא ווער ס'קען עס באצאלן, באצאלט עס עזר לישיבות!**

ס'זאגט זיך גרינג, אבער ס'קאסט א הון רב יעדער קעיס באזונדער. מען ארבעט אויף געלט פון ארומיגע פונעם בחור, ביז מ'מאכט זיכער אז יעדער קעיס איז געדעקט, דורכ'ן טאטן, דורך משפחה, ידידים, אדער נדיבי העם.

**געלט איז נישט קיין אפהאלט, להציל כל נפש מישראל!**

## 5

### ער דארף זיך גיין פארהערן ביים מנהל הישיבה. ער דארף מארגן אנפאנגען ישיבה.
### אבער ער קוקט דאך אויס אפגעריסן און אפגעשליסן...



מפעל מלבוש כבוד

# אויסשטאפירן
# נויטבאדערפיגע בחורים

דער מלבוש מאכט דעם מענטש. אז מ'גייט אנגעטוהן ווי א רחמנות ווערט מען א רחמנות, און אז מ'קוקט נישט אויס ווי א מענטש, וויאזוי זאל ער זיך אויפפירן ווי א מענטש?!..

**עזר לישיבות מאכט זיכער אז יעדער בחור קוקט אויס צוזאמגענומען און איידער ער גייט זיך פארהערן אדער גייט אריין אין ישיבה, כדי קיין פראבלעמען זאל זיך נישט מאכן ביים ערשטן 'אימפרעשן', נאר ער זאל אנפאנגען די ישיבה יאר מיט א פרישקייט צו שטייגן און וואקסן.**

יא, ס'קאסט אסאך געלט, אבער וואס טוט מען נישט פאר די תכלית פון יעדן בחור.

**מ'שטעלט אהער זיין חיצוניות, ס'זאל נישט אפעקטירן זיין פנימיות!**

# 6

## ער האט שוין ב"ה א גוטע ישיבה, אבער וואו גייט ער שלאפן?

מפעל אשל לבחורים

# אכסניות און דארמיטארי פאר בחורים

דער בחור האט מען ב"ה מסדר געווען אין א פיינע ישיבה. אבער ער קומט מחוץ לעיר, אדער גאר פון אויסלאנד, און ער האט נישט וואו צו שלאפן. צו לאזן אז ער זאל זיך אליינס מסדר זיין איז אן אחריות און א גרויסע סכנה פאר זיין עתיד.

**עזר לישיבות ריפערט פאר יעדן בחור גוטע אכסניות און פאסיגע דארמיטארי וואו דער בחור זאל איינשטיין אונטער השגחה מיט אחריות, מסודר און באקוועם.**

אזוי אויך בחורים וואס קומען פון שווערע שטובער אדער מחמת איזה סיבה איז נישט געאייגנט פאר זיי צו שלאפן אינדערהיים שטעלט מען זיי צו פאסיגע אכסניות, צו 'שלאפן און עסן' אינמיטן וואך און אפי' שבת, לפי הצורך.

**מיט א גוטע אכסניא צום שלאפן, קען ער שטייגן באכסניא של תורה!**

# 7

## אין ישיבה שטייגט ער ב"ה א מחיה, אבער בין הזמנים איז א חורבן פאר אים!..

ישיבות בין הזמנים

# סדרי בין הזמנים אין יעדן געגנט

יא, מ'האט אריינגעלייגט פיל מיה און פלאג ביז מ'האט ברוב סייעתא דשמיא אריינגעשטעלט דעם בחור אין זיין פאסיגע ישיבה. מ'האט אים אויך צוגעשטעלט די בעסטע אינגעלייט חברותות, און מ'זעהט שוין ב"ה די פרוכטבארע פירות. ער בליהט און שטייגט, זיינע עלטערן שעפן שוין נחת פון זייער בחור, זיי קוקן ארויס אויף זיין אייביגע הצלחה.

ביז..... עס קומט בין הזמנים. אלעס שטעלט זיך אפ. מיט וועמען דרייט ער זיך? ווען גייט ער שלאפן? וואו דאוונט ער? וואס טוט ער איבער'ן טאג? טאטע אין הימל מיט וואס באשעפטיגט ער זיך? די גאסן זענען מלא נסיונות, און ער קען אלעס רואינירן אין איין בין הזמנים, ח"ו.

און וואס טוט ער 'חודש אלול' ווען זיין כתה ט' מאכט צו לפני חודש אלול, ווידער זיין ישיבה פאנגט ערשט אן די זמן לקראת חודש חשון. זאל ער אנפאנגען זיין ישיבה מיט 2 חדשים בטילה ח"ו?

עזר לישיבות שטעלט צו סדרי בין הזמנים אין יעדן געגנט צו פארזיכערן אז די בחורים האבן א ריכטיגע סדר, מיט תוכנ'פולע פראגראמען צו קענען שטייגן ווייטער בימי בין הזמנים, און וואקסן בדרך העולה בית קל. אזוי אויך שטעלט מען צו ישיבה מיוחד לחודש אלול פאר בחורים וואס זייער ישיבה פאנגט ערשט אן חודש חשון.

**די בין הזמנים זאל אים דערהייבן, אנשטאט ביטערליך פאלן!**



8

## מיר זעען אסאך ביי די בחורים, און מיר האבן אסאך צו פארציילן... אבער ווער אינפארמירט אלעס פאר די מנהלים ומחנכים?

כינוסי עלר לישיבות

# אסיפות הדרכה למנהלים ומחנכים

עזר לישיבות האלט אפ מזמן לזמן גרויסארטיגע אסיפות הדרכה פאר פילע מנהלים און מחנכים פון איבער'ן שטאט, זיי צו אינפארמירן מיט די פאסיגע הדרכה והשקפה אלעס אנבאלאנגט די בחורים וועלט.

אדרעסירן פראבלעמען; אנמערקן אויף לעכער; ראט און טאט וויאזוי צו אומגיין מיט פארשידענע ענינים. א שטייגער ווי: די מהלכים ווען און וויאזוי אנצונעמען בחורים; וויאזוי צו ענטפערן אינפארמאציע אויף בחורים; קלארקייט איבער טעכנאלאגיע געפארן ביי בחורים; וויאזוי צו דילן מיט בחורים וואס האבן נפשיות'דיגע פראבלעמען; א ברייטע בליק אריין אין תורת הנפש, מענטל העלטה; ועוד ועוד.

דאס מאכט אן אויסטערלישן רעוואלוציע ווען אלע מנהלים און מחנכים זענען אויף איין בלאט, מיט א געמיינזאמע קלארקייט בעצה ותושיה, און ווייסן וואס מ'האט צו טוהן און וויאזוי עס צו טוהן, להרמת קרן בחורי חמד.

**מיטן דרייען ריכטיג די דרייווערס פונעם דור, פארמיידט מען בס"ד שווערע עקסידענטן!**




9

## אלע ווייסן 'ער איז א בחור מיט פראבלעמען'... אבער קיינער ווייסט נישט וואס זיין פראבלעם איז, און זיכער נישט די לעזונג!...

מפעל משיבת נפש

# 'עוועליועישאן' דיאגנאוז בנפש הבחור

עזר לישיבות האט א באזונדערע שטאב פון מומחים וואס גיבן זיך אפ מיט בחורים וואס האבן אישוס בתורת הנפש. ס'איז א ריזיגע שווערע פעלד, אבער מען ווענדט אלעס אן צו דערגרינטעווען די פראבלעמען.

היימישע חשובע פערזענליכקייטן בעלי מומחים בתורת הנפש גייען דורך מיט א גרונטליכע אנאליזירונג און אינוועסטיגעישאן איבער די גאנצע היסטאריע פון יעדן בחור; יאר ביי יאר, אין חדר און ישיבה; די מצב פון זיין משפחה; און אלעס ארום דעם בחור, ביז מען האט א קלארע בילד און אפשאצונג אויפ'ן מצב הבחור.

דאן זיצט מען מיט'ן בחור און זיינע עלטערן און מען דערגרינטעוועט דעם 'שורש הפראבלעם', און מען קומט אויף מיט די ריכטיגע קלארע 'לעזונג-מהלך' וויאזוי דאס צו היילן געזונט און ערליך. צי דורך מעדעצין; אדער טעראפי סעסיעס; אדער גאר א ווירקזאמע חינוך-מיטל. און מען מאכט א פונקטליכע פלאן וויאזוי זיך ארויסצוזהען בס"ד פונעם פראבלעם און אפראטעווען זיין עתיד.

**מ'קען נישט אפשאצן וואס ליגט אלס אונטער איין אפשאצונג, אפצוראטעווען א בחור לדורות!**

# 10

## מ׳ווייסט שוין ב״ה דעם בחור׳ס פראבלעם, און אויך זיין לעזונג. אבער ס׳איז נישט בלויז 1 טריט אדער 1 שטאפל...



מפעל משיבת נפש

# מומחים און דאקטוירים ריפוירל און באגלייטונג

יעדער נשמה איז א מסכת פאר זיך. און יעדע מסכת האט אסאך פרקים...

עזר לישיבות האט א באזונדערע שטאב וואס גיבט זיך אפ צוצופאסן יעדן בחור מיט זיין ריכטיגע דאקטער/מומחה, און דערנאך נישט אראפלייגן די לייצעס, נאר עס ווייטער באגלייטן סטעפ ביי סטעפ, אהין און צוריק, ארויף און אראפ, ביז מ׳ריקט זיך פאראויס, אז די בחור הייבט אן צו שיינען, זיינע קאלירן קומען ארויס, און ס׳באווייזט זיך א פנים פארשטעקט אונטער זיין הויט...

**שטאפל ביי שטאפל, מיט הארץ און נשמה, צו ראטעווען יעדן נשמה!**

# 11

## נישט יעדער בחור איז ׳קראנק׳ בנפש. אבער אסאך געזונטע דארפן באקומען די ריכטיגע עצה וחיזוק השקפה והדרכה. אבער פון וואנעט שעפן זיי עס?



מפעל משיבת נפש

# הדרכה און חיזוק- סעסיעס פאר בחורים

עזר לישיבות האלט אויף א שטאב פון חשוב׳ע פערזענליכקייטן מחנכים מופלגים בעלי השפעה וואס קענען זיך גוט אויס מיט די בחורישע וועלט, און קענען גיבן די ריכטיגע טאט און חיזוק, השקפה והדרכה, פאר׳ן בחור צו שטייגן, אנשטאט צו טראסקען.

דער בחור ׳סטראגעלט׳ שטארק, ער וויל זיין גוט, אבער יצר לב האדם רע מנעוריו. ער ווייסט נישט וויאזוי זיך צו ספראווען מיט זיינע נסיונות; ער ווייסט נישט אז ער איז נישט די איינציגסטע בחור אויפ׳ן וועלט; ס׳איז עולם חשוך בעדו, און ער וויל זיך ארויסזעהן פון זיינע שווערע מצבים ברוחניות ובגשמיות.

ער זיצט מיט די חשובע משפיעים א רייע פון עטליכע סעסיעס, זיי גיבן אריין אין אים דאזעס חיזוק, הערן אויס זיינע נסיונות און פראבלעמען, און עצה׳ן אים את הדרך אשר ילכון בה. זיי זענען אים מסביר די שיינקייט און ליכטיגקייט פון די וועלט; די ריכטיגע השקפה און חיזוק וויאזוי זיך צו ספראווען; און ווייזן אים אויף אז אזוי קומט עס, און אז קיין יאוש איז ח״ו נישט פארהאן. בחורים ווערן ממש נייע מענטשן. זיי לייכטן אויף. מ׳באגלייט זיי לאורך הדרך, מ׳האלט אן קשר, לב ורוח נכון איז מען מחדש בקרבם!

**מיט אביסל ריכטיגע הדרכה והשפעה, לאזט עס איבער אויף אים א השפעה לעבנסלענגליך!**

## 12

## טעראפי, דאקטוירים, מדריכים - דאס איז נישט פון די ביליגע זאכן..

## צי דען קען עס יעדער איינער ערפארדן?

מפעל נפש ישראל

# קעיסעס-הילף פאָנדינג

עזר לישיבות מאכט זיכער אז געלט איז קיינמאל נישט קיין אפהאלט אפצוראטעוווען דעם בחור׳ס עתיד.

אפי׳ דער טאטע קען זיך נישט ערלויבן צו באצאלן פאר דעם בחור זיינע פולע קאסטן, בפרט ווען דער בחור קומט פון א צופארענע שטוב וואס טאקע דערפאר האט ער אסאך פראבלעמען אבער ס׳נישטא ווער ס׳זאל זיי דעקן, דאך וועט עזר לישיבות אלעס אנווענדן צו דעקן די קאסטן און צושטעלן די נויטיגע הילף.

מען שאפט צו דעקן די קעיס פון משפחה, ידידים, גוטע פריינט, ס׳נישטא עס ארויף אויפ׳ן בודזשעט פון עזר לישיבות. אבער ווי שווער ס׳זאל נישט זיין, און ווי סאך ס׳זאל נישט קאסטן לאזט מען זיך קאסטן פאר יעדן בחור, פאר זיין לעבן.

**מ׳לאזט זיך אסאך קאסטן, אז ס׳זאל ח״ו נישט קאסטן א בחור׳ס לעבן!**

## 13

## ווען דער מנהל הישיבה פרעגט ״לאן אני מוליכו?״ איך וויל העלפן דעם בחור מיט זיינע פראבלעמען, אבער צו וועמען שיק איך אים?



לאָן אינפא. סיסטעם

# ספעציאליסטן דאטא-בעיס

אסאך מאל איז עס דער ׳מנהל הישיבה׳ דער וואס וויל העלפן דעם בחור, און אים שיקן צום ריכטיגן אדרעס זיך צו היילן, אבער ער האט נישט קיין אנונג און באקאנטשאפט אין דעם פעלד ווער ס׳איז גוט און געאייגנט פאר דעם בחור און זיינע ספעציפישע פראבלעמען און באהאנדלונגען.

עזר לישיבות האט זיך געלאזט קאסטן שווערע געלטער אהערצושטעלן און האלטן אויף א טייערע ספעציעל אהערגעשטעלטע דאטא-בעיס סיסטעם, וואס ענטהאלט אלע נויטיגע אינפארמאציע און ריפערלס פון אלע היימישע מדריכים, טעראפיסטן, דאקטוירים, און ספעציאליסטן, כדי יעדער זאל גענוי וויסן צו וועמען צו ריפוירן.

אזוי אויך אזי עס ספעציעל פאכמאניש אהערגעשטעלט אז מנהלים קענען צושרייבן זייער עקספיריענס און אפדעיטן די סיסטעם מיט זייער אינפארמאציע, כדי מ׳זאל האבן די קלארסטע ערשט-האנטיגע אינפארמציע איבער יעדן איינעם געניי.

**מיט איין קנעפל ווייסט מען פונקטליך וועלכע קנעפלער צו דריקן!**

וואס גיבן זיך
איבער פאר יעדן
בחור'ס עתיד

## אדמיניסטראציע אפטיילונגען

### הרב חיים קעסלער שליט"א
**מנהל עזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- אחראי אויף די גאנצע ברייטפארצווייגטע אפעראציע פון הצלת אלפי בחורי ישראל, וכל דבר הקשה יביאון אליו.

### הרב משה יואל הערצאג שליט"א
**רואה חשבון מוסד עזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- עזר לישיבות בוך האלטער.
- מסדר זיין און פארזיכערן אלע פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן.

### הרב ישראל טייטלבוים שליט"א
**עסקן בעזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- ארויסהעלפן דעם מנהל המוסד הרב חיים קעסלער שליט"א מיט אלעם נויטיג.
- 'בילינג דעפארטמענט' פאר די טעראפיסטן פון 'משיבת נפש' אפטיילונג.
- מענעדזשן די גאנצע אפיס אפעראציעס, זאל קענען פארן אומגעשטערט.

## עזר לתלמידי הישיבות אפטיילונגען

### הרב יצחק יודא פארקאש שליט"א
**מחנך מומחה בעזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- ענטפערן הונדערטער טעלאפאנען רופן פון פארלוירענע עלטערן און פארצווייפלטע בחורים וואס האבן נישט קיין ישיבה, אדער וועלכע ווייסן נישט וועלכע ישיבה איז פאסיג פאר זיי.
- אויסהערן די מצב, און באשטימען א מיטינג צווישן די בחורים און עלטערן מיט איינע פון די מומחים ועסקנים פון עזר לישיבות.

### הרב יחזקאל שפיטצער שליט"א
**מחנך מומחה בעזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- דערגיין אלע קלארע אינפארמאציע פונעם בחור, און זיצן מיט יעדן טאט'ן און בחור, כדי פעסצושטעלן וועלכע ישיבה איז דאס מערסטע פאסיג פאר זיין תכלית.
- אנווענדן כל מיני שתדלנות צו פארזיכערן יעדער בחור קומט אן אין די בעסטע ישיבה.

### הרב גדלי דוד אלטמאן שליט"א
**מחנך מומחה בעזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- דערגיין אלע קלארע אינפארמאציע פונעם בחור, און זיצן מיט יעדן טאט'ן און בחור, כדי פעסצושטעלן וועלכע ישיבה איז דאס מערסטע פאסיג פאר זיין תכלית.
- אנווענדן כל מיני שתדלנות צו פארזיכערן יעדער בחור קומט אן אין די בעסטע ישיבה.

### הרב יואל ברוך אייזיקאוויטש שליט"א
**מחנך מומחה בעזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- דערגיין אלע קלארע אינפארמאציע פונעם בחור, און זיצן מיט יעדן טאט'ן און בחור, כדי פעסצושטעלן וועלכע ישיבה איז דאס מערסטע פאסיג פאר זיין תכלית.
- אנווענדן כל מיני שתדלנות צו פארזיכערן יעדער בחור קומט אן אין די בעסטע ישיבה.

## מפעל משיבת נפש אפטיילונגען

### הרב מנשה באכנער שליט"א
**מומחה גדול בתורת הנפש**

**עבודת הקודש:**

- זיך טרעפן מיט יעדן בחור און קינד און מאכן די ריכטיגע אפשאצונג (עוועליועישאן), דייעגנויזן וואו עס שטעקט די שורש פון זיין פראבלעם,
- פעסטשטעלן וואס און וויאזוי די ריכטיגע מיטל צו ארבעטן מיט אים, אויסצוהיילן און אויפבויען זיין נפש געזונט און שטארק.
צי דורך טעראפי / מעדיצין / מענטאר-באגלייטונג / חינוך-מעטאדן / א.ד.ג.

### הרב זלמן סענדעראוויטש שליט"א
**מבין בתורת הנפש**

**עבודת הקודש:**

- סעקרעטאר פון הרב מנשה באכנער שליט"א, ענטפערן טעל. רופן.
- נאכגיין די פונקטליכע אינפארמאציע איידערן אראפקומען צום עוועליועישאן זיצונג, אפשרייבן קלארע רעפארט פאר הרב מנשה.
- באגלייטן אלע קעיסעס פארדעם און נאכדעם, מיט די ריכטיגע טאט.

### הרב יודא יואל וויזענפעלד שליט"א
**מבין בתורת הנפש**

**עבודת הקודש:**

- סעקרעטאר פון הרב מנשה באכנער שליט"א, ענטפערן טעל. רופן.
- נאכגיין די פונקטליכע אינפארמאציע איידערן אראפקומען צום עוועליועישאן זיצונג, אפשרייבן קלארע רעפארט פאר הרב מנשה.

### הרה"ג ר' מאיר נתן ברוינשטיין שליט"א
**מומחה גדול בתורת הנפש**

**עבודת הקודש:**

- גיבן א סעריע פון פריוואטע חיזוק, ריכטיגע הדרכה סעסיעס, און הילף, פאר בחורים צו שטייגן, ליישר נפשם ולהעלות נשמתם.
- העלפט אויפשטעלן און אוועקשטעלן פאסיגע ישיבות לבחורי חמד, און באגלייט זיי לאורך הדרך.

### הרב נטע פירטה שליט"א
**מבין בתורת הנפש**

**עבודת הקודש:**

- ענטפערן די טעל רופן פון די קעיסעס פון הרב מאיר נתן ברוינשטיין שליט"א.
- דערגיין די אינפארמאציע און פראבלעמען פון די בחור, און אפשרייבן א רעפארט אויף יעדן קעיס פאר הרב מאיר נתן.
- קעיר נעמען פון עזר לישיבות פאר בחורים פון ישיבות גבוה, און ישיבות בארץ ישראל.
- ארגאנזשירן גרעסערע פראיעקטן און אסיפות מנהלים פון עזר לישיבות.

### הרב מרדכי לייב שטערן שליט"א
**עסקן בעזר לישיבות**

**עבודת הקודש:**

- מאכן אפוינטמענטס סקעדזשולס פאר די קעיסעס פון הרב מאיר נתן ברוינשטיין שליט"א.
- צושטעלן פאסיגע פריוואטע אינגעלייט חברותות פאר בחורים אין ישיבה וואס דארפן הילף-חברותות אדער באגלייטונג (מענטארס).
- קעיר נעמען פון די IT עזר לישיבות אפיס פראגראם.

### הרב ישעי' מאיר קרויס שליט"א
**מומחה בתורת הנפש**

**עבודת הקודש:**

- גיבן א סעריע פון פריוואטע חיזוק, ריכטיגע הדרכה סעסיעס, און הילף, פאר בחורים צו שטייגן, ליישר נפשם ולהעלות נשמתם.
- קעיר נעמען פון עזר לישיבות פאר בחורים פון ישיבות גבוה, און ישיבות בארץ ישראל

די פילע איינגעשטעלטע

# מומחים עזר לישיבות

סוף בארא פארק

וואס געבן זיך איבער פאר יעדן בחור'ס עתיד

## אדמיניסטראציע אפטיילונג

### הרב ישראל מרגליות שליט"א
**מנהל ואחראי מוסד עזר לישיבות**

עבודת הקודש:

- טראגט די אחריות און פארפיגט אויף אלע אנגעלעגנהייטן פונעם מפעל עזר לישיבות אין בארא פארק.
- בויעט די מהלך פאר יעדן קעיס באזונדער, וואו און וויאזוי צו פלאצירן און קעיר נעמען פון יעדן בחור, ועל פיו ישק כל דבר באחריות.

### הרב מרדכי דוד ראטענבערג שליט"א
**נפש ישראל, ורואה חשבון**

עבודת הקודש:

- עזר לישיבות בוך האלטער.
- מסדר זיין און פארזיכערן אלע פינאנציעלע אנגעלעגנהייטן.
- סעקרעטערי פאר נפש ישראל - פאנדרעיזינג פאר פריוואטע קעיסעס.

## עזר לתלמידי הישיבות אפטיילונגען

### רב יצחק אלי' גראסמאן שליט"א
**עסקן ומחנך גדול בעזר לישיבות**

עבודת הקודש:

- גיבט זיך איבער בלב ונפש פאר יעדן בחור'ס תכלית, מיטן פלאצירן בחורים, און מסדר זיין אין איסלענדישע ישיבות, צושטעלן דארמיטארי אכסניות, און אלע צוגעהערן וואס נויטיג.

### הרב מענדל פיקסלער שליט"א
**מחנך מומחה בעזר לישיבות**

עבודת הקודש:

- דערגיין אלע קלארע אינפארמאציע פונעם בחור, און זיצן מיט יעדן טאט'ן און בחור, כדי פעסצושטעלן וועלכע ישיבה איז דאס מערסטע פאסיג פאר זיין תכלית.
- אנווענדן כל מיני שתדלנות צו פארזיכערן יעדער בחור קומט אן אין די בעסטע ישיבה.

### הרב הערשל ראטענבערג שליט"א
**מחנך מומחה בעזר לישיבות**

עבודת הקודש:

- דערגיין אלע קלארע אינפארמאציע פונעם בחור, און זיצן מיט יעדן טאט'ן און בחור, כדי פעסצושטעלן וועלכע ישיבה איז דאס מערסטע פאסיג פאר זיין תכלית.
- אנווענדן כל מיני שתדלנות צו פארזיכערן יעדער בחור קומט אן אין די בעסטע ישיבה.

### הרב יצחק איזייק ווייס שליט"א
**עסקן מומחה בעזר לישיבות וראש מפעל לב להאזין**

עבודת הקודש:

- הויפט סעקרעטאר, ענטפערן הונדערטער טעלאפאן רופן פון פארלוירענע עלטערן און פארצווייפלטע בחורים וואס האבן נישט קיין ישיבה, אדער וועלכע ווייסן נישט וועלכע ישיבה איז פאסיג פאר זיי.
- צוזאמענעמען און אראפשרייבן אלע אינפארמאציע ארום דעם בחור, באשטימען א מיטינג צווישן די בחורים און עלטערן מיט איינע פון די מומחים ועסקנים פון עזר לישיבות.
- מענעדזשן אז יעדער קעיס פארט אין גוטן דירעקציע, אפשרייבן טעגליך אלע אפדעיטס פון יעדן קעיס, באגלייטן די מומחים פון עזר לישיבות, ביז יעדער בחור ווערט פולקאם מסודר.

## מפעל משיבת נפש אפטיילונגען

### הרב חיים דוד קליין שליט"א
**מומחה גדול בתורת הנפש**

עבודת הקודש:

- מאכן 'עוועליועישאן' אויף בחורים וואס האבן נפשיות'דיגע און רוחניות'דיגע פראבלעמען.
- גיבן די ריכטיגע הדרכה, וויאזוי זיך צו העלפן און ארויסצוהעלפן פון די פראבלעמען.
- אנווייזן און צופירן צו די ריכטיגע הילף-אדרעסן און טעראפיסטן, ווען נויטיג.

## מפעל נפש ישראל אפטיילונג

### הרב שלום דוב דאכנער שליט"א
**עסקן במפעל נפש ישראל**

עבודת הקודש:

- איפטרייבן פון משפחה ידידים און גוטע פריינט די הויכע קאסטן איבערצוצאלן 'פריוואטע קעיסעס', וואס קענען נישט אליינס באצאלן.
- פארזיכערן אז קיין איין בחור זאל נישט ווערן אפגעהאלטן פון באקומען חברותות, טעראפי, הילף, צוליב מאנגל אין געלט.



## 2 טאגיגע עזר לישיבות צוזאמקום

פאר אלע מומחים פון עזר לישיבות מכל הסניפים

לשמוע ללמוד וללמד, ולחשוב מחשבות, להגדיל עזר וסיוע לתלמידי הישיבות



א בליק אריין

# פין כותלי עזר לישיבות

סנף מאנסי



די בנין רחבת ידים 'עזר לישיבות'



די בריינטע קיך לשובע ולא לרזון



די גרויסע קאנפרענץ צימער פאר אסיפות



די ווארטן צימערן





די לופטיגע פּאָרטש און פרייע פעלד

## די פילע רעטונגס-צימערן
## פון אלע אפטיילונגען פון עזר לישיבות









די צענטראלע קאָרדינאַציע-אפיס

# פון מפעלות חיים וחסד

סניף וויליאמסבורג
















א בליק אריין

# בין כותלי: עזר לישיבות

סניף בארא פארק



די בנין עזר לישיבות אין צענטער פון ב"פ



די ברייטע ווארט-זאל און קיך



די קאנפרענץ צימער

די פילע רעטונגס-צימערן

## פון אלע אפטיילונגען פון עזר לישיבות









# הימל-שרייענדע ציפערן

פון

## מפעל עזר לישיבות

**18 יאר**
שטייט שוין עזר לישיבות להצלת בחורי ישראל

**2** פיבערדיגע עזר לישיבות לאקאציעס

**125** קעיסעס-קאָסטן
ווערט געפאנדעט יערליך דורך עזר לישיבות

**3 מ-י-ל-י-א-ן דאלער!!**
באטרעפט די יערליכע בודזשעט פון עזר לישיבות

**75** אכסניות דארמיטאריס
ווערן פלאצירט בחורים דורך עזר לישיבות

**40** אינגעלייט-מענטארס
באגלייטן בחורים, אונטער עזר לישיבות

**+1300** בחורים
ווענדן זיך יערליך צו עזר לישיבות

**150** מנהלי הישיבות וחדרים
זענען בקשר מיט עזר לישיבות

**190** אינגעלייט-חברותות
לערנען מיט בחורים, אונטער עזר לישיבות

**16** אסיפות למנהלים ומחנכים
זענען פארגעקומען די לעצטע פאר יאר

**%40** קעיסעס
ווענדן זיך פאר ספעציעלע הילף/הדרכה/טעראפי/וכדו'

**200** בחורים
לערנען אין 'ישיבת בין הזמנים' פון עזר לישיבות

**%60** קעיסעס
ווענדן זיך פאר הילף/אינפא. צו ווערן פלאצירט אין ישיבות

**23** מחנכים מומחים ועסקנים
האלט עזר לישיבות אויף אויף פעיראל

**1 יחיד**
הרב זעליג מענדלאוויטש שליט"א
טראגט די גראנדיעזע עול הכספי פון עזר לישיבות

**6 שעה**
אינוועסטירט מען דורכשניטליך אין יעדן בחור

**80** בחורים

**12** איינגעשטעלטע

באטרעפט די 'ישיבה לחודש אלול' פון עזר לישיבות

**צענדליגער טויזנטער בחורים**
זענען שוין אפגעראטעוועט געווארן לדורות

**+30 שעות**
קען מען אינוועסטירן אין 1 בחור

**250** מדריכים, דאקטוירים, און טעראפיסטן
ערשיינט זייער אינפא אויף די 'לאן' סיסטעם



כל המקים נפש אחת מישראל כאלו קים עולם מלא

יש קונה עולמו בשעה אחת

# דם בחורי ישראל אינם הפקר

עזר לישיבות ראטעוועט אומצאליגע דורות.

## גם אתה יכול להציל!

| | |
|---|---|
| **שותף מלא**<br>בפעולות הצלה<br>**$50,000** | |
| **מקיים נפשות**<br>לאבינו שבשמים<br>**$25,000** | **מציל ומושיע**<br>בחורי ישראל<br>**$36,000** |
| **שכר נאמן**<br>לתלמידי הישיבות<br>**$18,000** | **נדיב**<br>עזר לישיבות<br>**$12,000** |

## זייט א חלק פון עזר לישיבות

האלט אויף די עקזיסטענץ פונעם דור!

עזר לישיבות

ישיבה לכל בחור | עתיד לכל נפש

סניפי עזר לישיבות

## Monsey

10 CALVERT DRIVE MONSEY, NY

## brooklyn

1435 46TH STREET BROOKLYN, NY 11219

## Williamsburg Main Office:

**Tel:** 718-384-2412

**Mailing Address:**

199 Lee Avenue #268 Brooklyn, NY 11211

ארגון עזר לישיבות
שע"י מפעלות חיים וחסד

Chayim V'Chesed Inc. is a non-profit 501c3 organization. Tax id 20-0703181
Make checks payable to: **Chayim V'Chesed Inc.**